פאר אונזערע קינדער
דוד

אנגעפירט פונ'ם לערער פארבאנד פון די אידישע וועלטלאכע שולן אין וויניפעג

טרוימער און קעמפער

ש. אנ-סקי

(שלמה זאנוול ראפאפארט)

אין יעדער צייט און אין יעדן דור האבן אויף דער וועלט געלעבט מענשן וואס זיינען גרייט געווען זייער לעבן אפצוגעבן פאר'ן גליק פון אלע מען, אין קאמף פאר א בעסערער און שענערער וועלט. עס זיינען שטענדיק געווען מענשן וואס האבן זיך ניט באנוגנט בלויז מיט'ן וואכעדיקן טאגטעגלאכן לעבן, נאר האבן אין הארצן געטראגן א חלום פון א גליקלאכער צייט ווען מענשן וועלן ניט מער זיין איינער צום אנדערן ווי וועלף, נאר ברידערלאך לעבן צווישן זיך.

איינער פון אט די טרוימער איז אויך געווען ש. אנ—סקי. זיין אמת'ער נאמען איז געווען שלמה זאנוול ראפאפארט. ער איז געבוירן געווארן אין יאר 1863, אין דער רוסישער שטאט וויטעבסק. זיין יוגנט האט ער פארבראכט אין א פרומער אידישער סביבה. אבער שוין אלס 18-17 יאריקער בחור'ל האט ער זיך אנגעהויבן אריינטראכטן אין דער לאגע פונ'ם דאמאלסדיקן רוסישן ארבעטער און פויער. דער'זעען דעם עלנט אין וועלכן זיי האבן געלעבט און באשלאסן עפעס צו טאן כדי לייכטער מאכן זייער גורל.

וועלנדיק זיין נעענטער צום ארימען רוסישן פויער, האט זיך אנ—סקי אויסגעלערנט שמידעריי און איז אוועק אין דארף ארבעטן. דארט האט ער זיך אנגעטראפן מיט די דארפס־ארבעטער, זיי געהאלפן אין דער ארבעט, געלערנט מיט זיי און מיט זייערע קינדער און גלייכצייטיק זיי אויפגעקלערט וועגן די אמת'ע סיבות פון זייער נויט, וועגן דער רשעות פונ'ם צאר און זיין פאלקס־פיינטלאכע רעגירונג. די רוסישע פאליציי האט זיך באלד ארומגעזעען אז אנ—סקי איז עפעס ניט פון די פשוט'ע מענשן. ס'איז איר ניט געפעלן געווארן וואס ער רופט אפט פויערים פארזאמלונגען און זי האט אים פארווערט זיין אין דארף. אנ—סקי איז דאן אוועק צו די ארבעטער פון די זאלץ־שאכטן און קוילן־גרובן און דארט ווייטער געפירט זיין אויפקלערונגס ארבעט. ער האט אומעטום געטראגן האפענונג און געמונטערט צום קאמף פאר א נייעם גליקלאכן לעבן.

אנ—סקי האט פון זיין פריסטע יארן געהאט א חשק און פעאיקייט צו שרייבן דערציילונגען און בילדער פון לעבן. זיינע אלע איבערלעבונגען אין דער צייט, וואס ער האט ארומגעוואנדערט צווישן די רוסישע פויערים און ארבעטער האט ער טאקע שפעטער באשריבן און גלייכצייטיק געשילדערט די נויט פון רוסישן ארימען פאלק, וואס האט געקרעכצט אונטער'ן יאך פונ'ם גרויזאמען צאר.

אלט זייענדיק ארום 30 יאר איז אנ—סקי אוועק קיין פאריז, כדי זיך נעענטער צו באקענען מיט'ן לעבן פון די דארטיקע ארבעטער. אין פאריז האבן אין יענער צייט געלעבט א סך רוסישע אידן, וואס האבן געמוזט פון רוסלאנד אנטלויפן צוליב זייער סימפאטיע און ארבעט לטובת די ארימע מאסן. דארט האט זיך אנ—סקי אנגעהויבן שטארקער פאראינטערעסירן מיט'ן לעבן פון די אידישע ארבעטער און אויך אנגעהויבן אפטער שרייבן אין אידיש. דאן איז ער אריין אין דער אידישער ליטעראטור, וועלכע ער האט באררייכערט מיט א רייע אינטערעסאנטע לידער, דערציילונגען, דראמעס און פאנטאסטישע פאעמען.

אנ—סקי האט זיך באזונדערס אפגעגעבן מיט זאמלען און פארשן פארשיידענע אידישע פאלקס־שאפונגען ווי: לידער, מעשה'ס, רעטענישן מנהגים און גלויבונגען. ער האט דערזען אין אט די שאפונגען פון פאלק אן אוצר פון חכמה און שיינקייט. אייניקע פון זיינע ווערק, ווי למשל, "דער אשמדאי" און "דער דיבוק" שפיגלען טאקע מיט זיך אפ א שטיק פון יענער וואונדערלאכער וועלט פון פאנטאזיע און גלויבונגען.

אין דער אידישער ליטעראטור איז נאך אנ—סקי באקאנט אלס דער מחבר פון "חורבן גאליציע". דאס איז א בוך, אנגעשריבן אין דער צייט פון דער גרויסער וועלט־מלחמה אין די יארן 1914-18. אנ—סקי שילדערט דארט די שרעקלאכע יסורים און פיין וואס די אידישע באפעלקערונג אין גאליציע האט דורכגעליטן אין דער גרויסער וועלט־מלחמה.

געשטארבן איז אנסקי דעם 8טן נאוועמבער, 1920, אין ווארשע. אויף דעם ווארשעווער בית־עולם געפינט זיך זיין קבר. צו וועלכן עס קומען יאר־איין, יאר־אויס מחנות ארבעטער און קינדער פון די אידישע וועלטלאכע שולן, טראגנדיק בלומען קרענץ צום שותפות'דיקן מאנומענט פון פרץ, יעקב דינעזאן און ש. אנ—סקי.

ש. ר—ט.

רעטענישן

16. האט בלעטער און איז ניט קיין בוים; האט א רוקן און איז ניט קיין מענש.
17. האט ניט קיין פיס און גייט; האט ניט קיין מויל און ציילט; האט ניט קיין הענט און שלאגט.
18. אלעמען באנייט דאס, אלעמען באקלעדט דאס, און אליין גייט עס נאקעטערהייט.
19. פליט אן פליגלען, מויערט אן ציינגען; ליינט זיך ווי א האר און שטייט אויף ווי א נאר.
20. גרין ווי גראז — נאך ניט דאס; רויט ווי בלוט — נאך ניט גוט; שווארץ ווי קויל — דאס איז וואויל.

די ענטפערס אויף די רעטענישן פון פרייטיק, דעם 31טן אקטאבער זיינען: 6. א קארטאפל; 7. ווען די טיר איז אפן; 8 א שוואם; 9. פאר נעלט; 10. א לאמעד (ל).

קינדער, שיקט צו ענטפערס אויף די רעטענישן.

Carillon Cheese
TOASTS SLICES OR SPREADS

Carillon Cheese

א געשמאקער נייער קעז
גלאט אין טעקסטשור—
פיין אין פליוואר

פרעגט אייער גראסער פאר דעם היינט

M
CARILLON CHEESE COMPANY, OTTAWA, CANADA

:: לידער ::

די קראנקע ליאלקע

פון א. פראוואטינער
(פון רוסיש)

—וואס־זשע מאכט איר ליבער דאקטאר
וואו זענט איר ביז איצט געווען?
שנעל באטראכט מיין קראנקע ליאלקע,
זאגט, וואס איז מיט איר געשעען...

— אייער ליאלקע איז א קראנקע:
זעט, אין קאפ האט זי א לאך,
אויפ'ן קנאך פון רעכטן פיסל —
איז פאראן אן איבערבראך . . .

— טויג מיין ליאלקע שוין צו גארניט?
שנעלער דאקטאר, גיט א קלער . . .
קאן מען אפשר זי אויסהיילן:
צי דאס איז פאר אייך צו שווער?

— נעמט זיך ניט אזוי צום הארצן,
ליבע מיידעלע, געטרייע . . .
מיר דאקטוירים קאנען מאכן —
איר א קעפעלע א נייע.

—און דאס פיסל ליבער דאקטאר:
קאן מען אויך דאס מאכן גאנץ?
אין א וואך אויף מיין געבורטס־טאג,
וועט זי דארפן גיין א טאנץ . . .

—צו דעם פיסל א רפואה,
וועל איך פרואוון איר פארשרייבן,
לאמיר האפן ליבע מיידל,
אז זי וועט קיין קאליקע ניט בלייבן.

—א שיינעם דאנק אייך ליבער
דאקטאר,
אז איר וועט מיין ליאלקע גוט
באהאנדלען,
א מתנה וועט איר קריגן,
ניס, און ראזשינקעס און מאנדלען...

—א שיינעם דאנק. איך דינג זיך
קיינמאל,
מען מוז די ארבעט טאן געשווינד.
איך ווייס ווי שווער עס איז א מאמע
צו דערציען איר א קינד . . .

—(::)—

האניג

עני ראגינסקי

בליען בלומען זייער שיין,
איבעראל און אומעטום.
קומען אן די בינען
מיט א פריילאכן זשום־זשום.

זויגן זיי דעם האניק
פון די שיינע בלומען,
פריילאכע צום בינשטאק
האלטן זיי אין קומען.

קומט אין הארבסט דער פארמער,
טראגט אין האנט א מעסער,
שניידט ארויס דעם האניג,
און ליינט אים אין די פעסער . . .

י. ל. פרץ־שול, קאלגארי.

—(::)—

פערעלע

פון לאה ראזנפעלד

די קליינע שיינע פערעלע,
זי איז אזא מין קליינע,
זי האט צוויי ייקליינע פיסעלאך,
און איינעלאך צוויי שיינע.

זי גייט זיך אלע טאג ארוים,
אין דער פרייער, שיינער וועלט;
זי האט צוויי קליינע פיסעלאך,
און קוקט אויף אלעמען און קוועלט.

—(::)—

שאראדעס

נ. 4 און נ. 5

ווער בין איך?

כ'פארמאג איין טאכטער
און צוועלף זין,
האט מען איינעם פארקויפט —
טרעפט ווער איך בין.

איך האב גערעדט
פון אייביקן שלום,
אקערס 'שטאט שווערדן —
דאס איז מיין חלום.

דער ענטפער אויף דער שאראדע נו. 2 (פרייטאג, דעם 31טן אקטאבער) איז "א וואסער".

קינדער, שיקט צו די ענטפערס אויף די שאראדעס.

שאראדע נו. 3 איז צונויפגעשטעלט געווארן פון מילקע שיינים.

—(::)—

וויצן

נעם אים אריין און ווארף אים ארויס!

צו א קארגן גביר איז אמאל געקומען אן ארימאן בעטן א נדבה. דער גביר האט אים גארנישט געגעבן און נאך גענומען זידלען. דער ארימאן האט ניט געשוויגן. א ווארט פאר א ווארט ביז דער גביר איז אין כעס געווארן און געהייסן דעם דינער ארויסוווארפן דעם ארימאן אין דרויסן.

דער ארימאן האט אבער אלץ ניט געשוויגן.

דער גביר האט ניט געוואוסט, וואס צו טאן. פאר גרויס פארדרוס האט ער גענומען שרייען צום דינער:

— נעם אים צוריק אריין און ווארף אים נאכאמאל ארויס! . . .

קינדער, שיקט צו שיינע וויצן, וועלן מיר זיי דרוקן.

פון וואך צו וואך

אידיש דורך דער ראדיא

זעלטן ווען מיר הערן דורך ראדיא א אידיש ווארט. אנדערש איז אין קאוונע. דורך דער ראדיא ווערן דארט געהאלטן רעדעס אין אידיש זייער אפט, אזוי האט איין ראדיא געזעלשאפט פאר דעם יאר דורכגעפירט 20 אידישע רעפעראטן (לעקציעס).

מאריס ווינטשעווסקי'ס פייערונג

אלע אידישע שולן, אלע אידישע קאלאניעס און ביבליאטעקן פון סאוועטן רוסלאנד אויפ'ן נאמען פון מאריס ווינטשעווסקי, האבן באשלאסן ארויסצוגעבן א קאלעקטיוון זאמלבוך לכבוד דעם 75 יעריקן יובילעי פונ'ם זיידן.

מאריס ווינטשעווסקים ווערק

ס'איז פארטיק געווארן די 10 בענדיקע אויסגאבע פון מאריס ווינטשעווסקים ווערק. זיי זיינען רעדאגירט געווארן פון קלמן מרמר.

איבער 100 מאל "קידוש השם"

אין ווארשע איז שלום אש'ס "קידוש השם" געשפילט געווארן איבער 100 מאל אין איין סעזאן. אוונט נאך אוונט איז די דאזיקע פיעסע געשפילט געווארן און דאס טעאטער איז תמיד פול נעפאקט געווען איבער די ברעגעס. ווען ס'איז געשפילט געווארן דאס 100־טע מאל איז דורכגעפירט געווארן לכבוד דער געשעעניש א פייערונג.

מענדעלעס און דינעזאנס בריוו

נחמן מייזל, באוואוסטער ליטעראטור קריטיקער און רעדאקטאר פון די "ליטעראריש שריפטן" (אין ווארשע) איז צוגעטראטן ארויסצוגעבן א זאמלונג פון בריוו צווישן מענדעלע מוכר ספרים און יעקב דינעזאן. בריוו עפענען אויף א אינטימע נשמה טיפענישן פון שרייבער און דאס ווארפט א קלארערן ליכט אויף די ווערק פון אזא שרייבער.

לענינס בריוו

דער מלוכה פארלאג אינ'ם סאוועטן פארבאנד האט ארויסגעגעבן א זאמלונג בריוו פון לענינען צו זיין ברודער, שוועסטער, עלטערן און פרוי. די בריוו ווייזן, אז דער פירער פון דער רוסישער רעוואלוציע האט געהאט צו זיינע נאענטע א סך ווארימקייט און ליבע.

יובילייאום

די פייערלאכע פארזאמלונג, וואס איז געווען איינגעארדנט פון דער בערלינער סעקציע פון אידישן וויסנשאפטלאכן אינסטיטוט לכבוד ש. דובנאוו'ס יובילייאום, האט צונויפגעקליבן זייער א גרויסן עולם. דער בעל יובל אליין איז אבער ניט געקומען. אזא באשיידענער מענש איז אונזער גרויסער געשיכטע שרייבער.

שמעון דובנאוו קומט ניט צו זיין

א נייע דערפינדונג

דער שפאנישער געלערנטער אינזשענער זשואר־דע־לא־ציערוואו האט אויפגעבויט אזא אעראפלאן, וואס וועט זיך קאנען אראפלאזן אויף א פלאץ, ניט גרעסער פון א דורכשניטלאכן צימער. די, וואס ווייסן וואס פאר א גרויסן גוט איינגעארדנטן פלאץ ס'איז נויטיק פאר אן אעראפלאן זיך אראפצולאזן, וועלן פארשטיין וואס פאר א גרויסע באדייטונג די דערפינדונג וועט האבן פאר לופטפליעריי.

—(::)—

ענטפערס

דוד טעלני, וויניפעג.

דיין קאמפאזיציע וועגן ארבעטסלאזיקייט וואלטן מיר גערן געדרוקט. ווען ס'זאל זיין אנגעשריבן אדער ווי אן ארטיקל, וואס דערציילט וועגן דער נויט און עלנט פון די ארבעטסלאזע, און וואס מען וואלט געדארפט טאן כדי גרינגער צו מאכן זייער לאגע. אדער ווען דו וואלסט עס געשריבן אין פארם פון א מעשה וועגן ארבעטסלאזע. פרואוו עס אנשרייבן נאכאמאל.

חיים שיינין, קאלגארי.

דיין "אונטערשייד פון דער אידישער און ענגלישער שול" איז נישט גענוג קלאר ארויסגעבראכט. דיין פארלאנג, אז די קינדער זאלן זיך ארויסזאגן וועגן דעם, וואלט געקאנט דורכגעפירט ווערן, ווען דו זאלסט עס אנשרייבן אין א בריוו צו די קינדער און ארויסזאגן זיך קלאר.

עני ראגינסקי, קאלגארי.

דיין לידעלע, וועט געדרוקט ווערן. שיק צו נאך עפעס. אפשר קאנסטו שרייבן וועגן דער שול וואו דו לערנסט?

וועלין פאפערני, קאלגארי.

דו שרייבסט גאנץ שיין אידיש. אזעלכע מעשה'לאך אבער זיינען דא אין א סך ביכלאך. שרייב עפעס אנדערש.

היינצמאן און קא.

נעמען זיך דאס פארגעניגן
צו אנאנסירן די באשטימונג
פון דער

WINNIPEG PIANO-CO LTD

אלס פארטרעטער
פון דער

היינצמאן
פיאנא

אין מאניטאבא, וועסטערן אנטעריא און אין א טייל פון איסטערן סאסקאטשעוואן. דזש. ה. מעקליין און קא., לימיטעד, וועט פארזעצן צו פארטרעטן די היינצמאן פיאנא אזוי ווי פריער.

די דאזיקע צוויפאכע אידזשענסי און צוגעגעבענע פארטרעטערשאפט וועט נאך מער באטאנען די אומבאזיגבארע פאזיציע פון וואס די קאנאדער אנפירנדיקע פיאנא געניסט זינט 1850, און אין דער זעלבער צייט איז עס א גאראנטיע צו היינצמאן קונים פון אבסאלוטער צופרידנהייט און די בעסטע עפישענט און פערזענלאכע באדינונג.

GENUINE
PHILLIPS
MILK OF MAGNESIA
For Troubles due to Acid
INDIGESTION
SOUR STOMACH
HEARTBURN
CONSTIPATION
GAS, NAUSEA

צו פיל
זויערקייט

קאנען זיין די אורזאך פון יענע אפטע
קאפווייטיקן

ווען אין אייער מאגן איז פאראן צופיל זויערקייט, מוזט איר זיך צווינגען צו ארבעטן און אפילו פארגעניגנס איז א צו גרויסע אנשטרענגונג. דער אפעטיט גייט פארלארן; די פארדייאונג איז שלעכט; די גאנצע סיסטעם ליידעט.

לאבאראטאריע טעסטן ווייזן אז א זויערקייט צושטאנד קומט צוליב טעות'ן אין אונזער מאדערנער דיעטע. איר דארפט אבער ניט ווארטן צו האבן טראבל מיט אייער דיעטע.

נעמט א פולע לעפל פיליפס' מילק אף מאגנעזיא.

דאס וועט נעטראליזירן דעם איבערפלוס זויערקייט מאמענטאל; וועט אייך מאכן צו פילן ווי א נייער מענש אין בלויז עטלאכע מאמענטן.

נעמט אביסל ווען הארץ ברענונג, קאפווייטיקן, ניט־גוטקייט, נודנעקייט, אומפארדייאונג אדער איבלקייט ווייזן אז די פארדייאונג סיסטעם ווערט צו זויער. ווען איר דערפילט קאלט אדער איר פילט פויל, שוואך, פארשטאפט. פיליפס' מילק אף מאגנעזיא האט א צארטע אפפיר ווירקונג.

אנגענעם צו נעמען. איינדארסירט פון דאקטוירים פאר 50 יאר און צוגעשריבן איבעראל. פאר מענער, פרויען און קינדער. די ריכטיקע איז שטענדיק א פליסיקייט: דאס קאן ניט געמאכט ווערן אין טאבלעט פארם. עס טראגט שטענדיק דעם נאמען "פיליפס" פאר אייער באשיצונג.

גרויסער עולם האט זיך באטייליקט אין דער חנוכת הבית פייערונג פון דער פאלקס שול

פון ח. בן מענדל

א שיינער, אינטימער, העכסט־פריינטלאכער און גייסט־רייכער אוונט איז דורכגעפירט געווארן אין פאלקס שול צום חנוכת הבית. כאטש פלאץ איז צוגעגרייט געווארן פאר אלע וואס מען האט דערווארטעט. — זיינען דאך געקומען א סך מער ווי מ'האט דערווארטעט. אזוי, אז די נאענטסטע טוער, האבן געדארפט שטיין און ווארטן, אבער אזוי ווי אלע האבן זיך באטראכט ווי "מיטגלידער פון איין משפחה" איז די שטימונג געווען א פריילאכע און גוט־מוטיקע.

דער מאלצייט איז סערווירט געווארן אין דעם נייעם לעקציע זאל. דער זאל האט אלעמען איבערראשט מיט זיין ציכטיקייט, ליכטיקייט און גרויסקייט. מרס. לעווינס געשמאקע מאכלים האבן בייגעטראגן צו דער גוטער שטימונג — און די געזאנגען פון יונגערע עלעמענטן — צו דער יום־טוב'דיקייט.

י. העסטרין, פארזיצער, האט ווארים באגריסט די געסט, דערקלערנדיק די צילן פון דער פאלקס־שול און דאס איז, צו דערגרייכן דאס וואס די אנדערע שולן האבן פארנאכלעסיקט. נאך מיט 20 יאר צוריק איז ארויסגעלאזן געווארן דער רוף צו גרינדן פאלקס שולן מיט'ן צוועק צו פארבינדן דאס אידישע קינד צום אידישן פאלק, און אום דאס צו דערגרייכן דארף מען געבן א מעגלאכקייט דעם קינד צו באקאנען זיך מיט דער גאנצער לעבנס געשיכטע פונ'ם פאלק. די תלמוד תורות האבן געמאכט דעם פעלער וואס זיי אונטערשטרייכן בלויז די אלטע פארגאנגענהייט און פארגעסן די קעגנווארט; די פרץ שול ווידער, שניידט ארונטער ווי עס וואלט איינגאנצן ניט עקזיסטירט, די גאנצע רייכע פארגאנגענהייט. די פאלקס שול וויל פארפאלקאמען די אידישע דערציאונג אין איר גאנצקייט.

דאן האט דער פארזיצער איבערגעגעבן א חשבון פון דעם גרינדונגס קאמיטעט, אונטערשטרייכנדיק דעם פאקט, אז די שול איז איינגאנצן זעלבסטשטענדיק. די 177 קינדער וואס לערנען איצט אין דער שול דעקן דעם גאנצן לער־בודזשעט. עס זיינען בלויז דא אויסגאבן אין פארבינדונג מיט דער געביידע וואס די פאלקס שול געזעלשאפט וועט דארפן דעקן — און דערפאר ווערט עס אפעלירט צו די אנוועזנדע עלטערן און פריינט צו ווערן מיטגלידער פון דער געזעלשאפט.

איבער 80 פערזאן האבן זיך פארשריבן און האבן איינגעצאלט זייער מיטגלידערשאפט און אזוי איז געשאפן געווארן ארום $500.

דער פארזיצער האט דאן געגעבן דאס ווארט צו ה. י. ווײלדער, וועלכער האט אינ'ם נאמען פון די עלטערן פון די קינדער וואס לערנען זיך אין פאלקס שול, גראטולירט די לערער און פארוואלטונג מיט דעם ביז איצטיקן דערפאלג, אויסדריקענדיק זיין צופרידנקייט און איינשטימיקייט מיט די צילן פון דער פאלקס שול.

לערער טוזמאן האט מער גרינדלאך אנטוויקלט די פרינציפן פון אידישער דערציאונג אין אלגעמיין און די ראל פון דער פאלקס שול און דער היים.

א. אסאווסקי האט ווארים באגריסט די פאלקס שול און אויסגעדריקט זיין צופרידנהייט מיט דער דערקלערונג פונ'ם פארזיצער, אז די שול באצוועקט ניט צו קאנקורירן מיט די אנדערע אידישע לערנאנשטאלטן, נאר אויסצופילן א נייעם וועג. ער האפט, אז די ת"ת און די פרץ שול, סטימולירט פון דער ארבעט פון דער פאלקס שול וועלן מאכן פארזוכן צו איבערנעמען די פאלקס שול.

א טיפן איינדרוק האט געמאכט הער ראבינאוויטש, לערער פון ת"ת, וועלכער האט געשילדערט די סוביעקטיווע און אביעקטיווע שוועריקייטן וואס א לערער מוז באקעמפן. און האט אויסגעדריקט די האפענונג, אז די לערער פון דער פאלקס שול וועלן געפינען דעם אויסוועג — די דאזיקע שוועריקייטן צו באזייטיקן.

ליפשיץ האט באגריסט די שול, אין נאמען פון דעם סירקין ברענטש, פועלי ציון.

צום סוף האט גערעדט דר. שאפירא, וועלכער האט גרינדלאך געמאלן א בילד וועגן די צילן און שטרעבונגען פון דער פאלקס שול. אפשטעלנדיק זיך אויף דעם גרונד געדאנק, אז דאס אידישע קינד וועט אין דער צוקונפט דארפן אויסשטיין א שווערן לעבנס קאמף, דורך דעם וואס מיר שטייען איצט ביי דעם שוועל פון א גרויסער אלגעמיינער סאציאלער רעוואלוציע. — האט דר. שאפירא אנגעגעבן די פארשיידענע מיטלען וואס א אידישע שול דארף אננעמען אום צו צוגרייטן דאס קינד גרינגער צו באזיגן די שוועריקייטן און מאכן אים פעאיק לעבן ווי א גאנצער ווירדיקער איד און מענש. ס'איז געוויס אומגעהייער שווער, האט דער רעדנער געזאגט, צו צווינגען א קינד לערנען צ. ב. 3 שפראכן, אבער דאס איז אומפארמיידלאך, דערפאר אבער דארף מען זוכן מיטלען און וועגן ווי אזוי דאס קינד זאל גרינגער און שנעלער אויסלערנען דאס וואס עס דארף לערנען. א אידיש קינד דארף זיין בעסער באוואפנט פאר זיין לעבנס קאמף און די פאלקס שול שטרעבט די דאזיקע מיטלען צו געפינען. דערצו דארף מען האבן ניט נאר א געוויינלאכע שול, נאר שענערע, בעסערע און מער צוציענדע שול, אויסגעשטאטעט מיט א רייכן שול אפאראט. וואס די שול פארמאגט איצט איז ווייט ניט גענונג; אבער מיט דער מיטארבעטערשאפט פון די עלטערן און פריינט פון א פאלקאמענער אידישער דערציאונג, וועט מען דאס אלץ קאנען דערגרייכן, — האט ער געזאגט.

דער איינדרוק פון דער חנוכת הבית פייערונג איז געווען זייער א געהייבענער, און די צאלרייכע טוער און פריינט פון דער נייער פאלקס שול האבן זיך געפילט אמת יום־טובדיק. דאס איז געווען א שיינער ווערטפולער אוונט. וואס וועט מיט יראת הכבוד פארצייכנט ווערן אויף די ערשטע בלעטער אינ'ם נייעם בוך פון דער נייער אידישער פאלקס שול אין ווינניפעג.

סעם שאר
מאכט באקאנט צו אלעמען, אז ער איז איצט פאר זיך אליין אין
564 סעלקירק עווניו
ספעציאליזירט זיך אין
גלעזעריי
און מאנופעקטשורינג פון אלע סארטן
ווינדאוס און טירן
צו זייער מעסיקע פרייזן
אפשאצונגען פריי
זייער פינקטלאכע באדינונג
טעלעפאן 55 812

פיינט אייער
הויז איצט
שיין, גוט און ביליק
ראיעלע ארבעט און צופרידנהייט
MAX GORDON
484 FLORA AVE.

פרייע באדינונג
מיר וועלן טעסטן די טובס פון אייער ראדיא
פריי
ברענגט זיי צו אונז
אדער טעלעפאנירט אונז און מיר וועלן קומען צו אייך
Manitoba Drug Store
587 Selkirk Ave Ph 52 117

א חיים!
ווען איר זייט אוועק
פון דער היים
אין
לעווינס כשר רעסטאראן
49—47 מארטא סט.
בלויז די סאמע פרישע און בעסטע פראדוקטן ווערן גענוצט אין אונזערע מאלצייטן און שטרענג כשר בהכשר הרבנים
ליכטיקע ריינע צימערן פאר געסט מיט דער בעסטער באדינונג
פאר חתונות, פארטיעס, באנקעטן און א. וו. האבן מיר די פיינסטע אקאמאדיישאן מיט א גאנץ פלאר פאר 100 פארלאך
מיר שטעלן צו מאלצייטן פאר אלע אונטערנעמונגען אויך אויסער אונזער אייגענעם פלאץ
Levin's Commercial
Kosher Restaurant
47-49 MARTHA ST. PH. 25 219